<u>לקו"ש חט"ז משפטים ה'</u>

ס"ה ואילך: חילוק בין עשן דאש אוכלת ואיננה אוכל – עד"ז בשי' נשא תשל"ה

שוה"ג להע' 29: **וראה לקו"ש חל"א ע' 186 ואילך** (לא נעתקה מפני האריכות)

הע' 32: **ראה לעיל ע' 223-4 והע' 9 די"ל דע"פ פשש"מ היו שם אילנות ועשבים כו'**

הע' 37: "בפי' עשן ר"ת עולם שנה נפש" – בשי' חו"ב תשל"ה נת' השייכות דוהר סיני עשן כולו.

ס"ט כללות הסעיף – כעי"ז בחכ"ו משפטים ב' בסיומה (מצד העליון/תחתון)

ס"ט "וה"ס עשן כולו...ניט געוועזן דק ומזוכך– להעיר משי' חו"ב הנ"ל [ומטעם אחר: מצד גודל האש] ודו"ק.

שוה"ג להע' 40: **"ראה לקו"ש ח"ו ע' 89, חי"ח ע' 242 ע"ד ב' סוגי ניסים"**

ס"י – העלאת הדומם בעבודת ה' – ראה בארוכה שי' אחש"פ תשכ"ז ס"ה.

*מדור 'הרחבה לשיחה' נועד להגיש ללומדי לקוטי שיחות מקורות נוספים בתורת רבינו בם נתבארו העניינים דהליקוט (וע"ד מחז"ל "דברי תורה עניים במקום אחד ועשירים במקום אחר") על מנת להוסיף בה'קאך' בלימוד תורתו.*
*מ"מ שצויינו בפנים השיחה וההערות מודגשות **כזה**.*
*שגיאות מי יבין. נא לשלוח עוד מ"מ [השייכים באופן ישיר להשיחה] שלא הובאו כאן מחמת קוצר הזמן sichaharchovo@gmail.com בכדי לתקן להבא.*
*בהעריכה נעזרנו ב'ספר המפתחות לשיחות קודש' בעריכת הרב מ. א. זליגסון שליט"א*

- שיחת ש"פ נשא תשל"ה - יז -

יעדן טאג וואס ער לערנט תורה דארף דאס זיין אזוי ווי בפעם הראשונה באימה וביראה ברתת ובזיע, און דערפאר איז כאן המקום מעורר זיין נאך אמאל, וועגן דעם ענין וואס מ'האט געשריבן אין בריוו פון תחילת שלשת ימי ההגבלה.

וואס דארטן רעדט זיך וועגן דעם ענין פון לימוד התורה אין אלע בחי' וואס זיינען מרומז אין די פסוקים פון מ"ת, וואס ס'שטייט והר סיני עשן כולו וגו', און ווי ער זאגט אין דעם יסוד פון ספר יצירה, און עאכו"כ אין די פירושים פון ספר יצירה, אז עשן איז ר"ת עולם, שנה, נפש, אז ס'דארף זיין א הוספה אין לימוד התורה אין עולם, וואס דאס מיינט אין מקום, אז אין יעדן הויז, און אין יעדן צימער זאל זיין דער ענין פון לימוד התורה, ביז אז ס'וועט זיין קענטיק אז דארטן איז דא דער ענין פון לימוד התורה, עד"ז דארף זיין די הוספה אין לימוד התורה אין דעם ענין פון שנה, וואס דאס מיינט אין זמן, אז יעדער רגע פנוי זאל מען אויסנוצן אויף לימוד התורה, עד"ז דארף זיין די הוספה אין לימוד התורה אין דעם ענין פון נפש, וואס דאס מיינט אז דער לימוד התורה זאל זיין מיט מער חיות אז ער לעבט אין דעם, וואס דעמולט איז דאס אין אן אופן אז ערוכה בכל רמ"ח אברים משתמרת, און אין שכחה לפני כסא כבודך, ווי דער אלטער רבי ברייגנט דאס אראפ אין הל' ת"ת, צוזאמען מיט די גמ' אין עירובין.

און דאס דארף זיין אין אן אופן פון והר סיני עשן כולו אזוי ווי דאס איז געווען כפשוטו אז דער בארג האט גערויכערט, וואס לכאו' דער ענין פון עשן איז שייך נאך בא צומח עצים וכו', אבער הר סיני איז דאך געווען אין מדבר, און דארטן איז ניט געווען קיין עצים וכו' נאר אבנים, פונדעסטוועגן מצד דעם גודל האש וואס איז געווען אין מ"ת, האט דאס גע'פועל'ט אפי' אויף די אבנים, אז אפי' פון די אבנים איז אויך געגאנגען א רויך, ביז ויעל עשנו כעשן הכבשן אז דאס איז געווען א עשן גדול מאד.

איז אזוי ווי דאס איז געווען בפשטות, דארף דאס אזוי זיין אויך בנוגע צו יעדן אידן, וואס יעדער גוף פון א אידן איז בדוגמת הר סיני, און דער אויבערשטער קומט אראפ צו אים - וירד ה' על הר סיני - אויף זיין הר סיני, דארף דאס אים דורכנעמען אינגאנצן אין אלע פרטים פון עולם שנה ונפש, און ניט נאר אין אן אופן אז דאס איז נאר בנוגע צו די נשמה, און דער גוף איז א באזונדער זאך, נאר דאס דארף דורכנעמען אויך דעם גוף ונה"ב, ביז אפי' די אבנים שבו, עאכו"כ צומח וכו' שבו, און ביז אז אפי' א גוי זעט אויף אים דעם והר סיני עשן כולו.

און פון דעם ענין פון מבצע תורה, ווערט דערנאך נמשך אויך די אנדערע חמשת המבצעים, וואס זיי זיינען מצוות כלליות, מבצע תפילין, מבצע מזוזה, מבצע צדקה, מבצע בית מלא ספרים, און אויך דער ענין פון נרות שבת קודש און יו"ט, וואס דער ענין פון נרות שבת קודש איז פארבונדן במיוחד מיט שבועות, וואס לכו"ע תורה בשבת ניתנה, נוסף אויף דעם כללות'דיקן ענין אז דורך "נר מצוה - ותורה - תורה אור".

כידוע דער ווארט וואס דער רבי דער שווער האט איבער גע'חזר'ט כמ"פ, אז אין ליובאוויטש פלעגט מען רופן חג השבועות מיטן נאמען חג המצו"ת, וואס דאס איז געווען דערפאר וואס שבועות פלעגן קומען די רבנים, די מורי צדק, פון אלע ערטער אין ליובאוויטש, ווייל שבועות איז געווען די צייט וואס זיי האבן געקענט קומען, ווארום פסח איז דאך דא א סאך שאלות אין שטאט, קען ניט דער מו"צ אפלאזן די שטאט, און פארן קיין ליובאוויטש, עד"ז סוכות איז דא שאלות פון סוכה און ד' מינים, און וויבאלד אז זיי האבן געוואלט קומען אין א זמן פון מועדים לשמחה, איז דער איינציקער יו"ט וואס א מו"צ קען קומען אין ליובאוויטש איז געווען בחג השבועות.

און דאס איז ניט קיין ענין וואס איז בדרך צחות, ווארום וויבאלד אז דער רבי האט דאס איבער גע'חזר'ט כמ"פ איז זיין ענין איז דאך ניט געווען אויף צו חזר'ן דברי צחות, נאר אין דעם צחות איז דא דער תוכן פנימי, אז דער ענין

הנחה פרטית בלתי מוגה

**הע' 32: ראה לעיל ע' 223-4 והע' 9 די"ל דע"פ פשש"מ היו שם אילנות ועשבים כו'**

## יתרו ד

א. אויף „וירד ה' על הר סיני"[1] איז רש"י מפרש: יכול ירד עליו ממש ת"ל[2] כי מן השמים דברתי עמכם מלמד כו' (כדלקמן סעיף ג').

אין פשטות לערנט מען, אַז רש"י קומט פאַרענטפערן די סתירה פון די פסוקים: דאָ שטייט „וירד ה' על הר סיני", וואָס בפשטות מיינט עס „ירד עליו ממש", און שפּעטער שטייט „כי מן השמים דברתי עמכם". און אויף דעם ענטפערט רש"י „מלמד כו'".

מען קען אָבער ניט לערנען אַז דאָס איז כוונת רש"י דאָ — ווייל:

(א) צוליב וואָס דאַרף רש"י מקדים זיין די ווערטער „יכול ירד עליו ממש" — ער האָט געדאַרפט גלייך אָנהויבן מיט דער קשיא[3] „וכתוב אחד אומר כי מן השמים גו'" (וכיו"ב)?

(ב) ועיקר: די סתירה צווישן די צוויי פסוקים ווערט ערשט ביים ווייטערדיקן פסוק „כי מן השמים גו'" — פאַרוואָס שטעלט זיך רש"י אויף דער סתירה שוין אין אונזער פסוק[4]?

[ובפרט אַז אויפן פסוק „כי מן השמים גו'" שטעלט זיך טאַקע רש"י אויף דער סתירה — „וכתוב אחד אומר וירד ה' על ה"ס", כדלקמן סעיף ד'].

מוז מען זאָגן, אַז רש"י קומט דאָ ניט צו פאַרענטפערן די סתירה פון די צוויי פסוקים, נאָר אַז אין דעם פסוק דאָ (נאָך איידער מ'ווייס פון דעם ווייטערדיקן פסוק „כי מן השמים גו'") איז פאַראַן אַ ספק („יכול") צי „ירד עליו ממש" צי ניט; און וויבאַלד אַז פון דאַנעט קען מען ניט מכריע זיין אַט דעם ספק, ברענגט דעריבער רש"י אַ ראי' פון אַ ווייטערדיקן פסוק — „ת"ל כי מן השמים דברתי עמכם".

דאַרף מען פאַרשטיין: פון וואַנען נעמט זיך דאָ דער מקום לספק צי „ירד עליו ממש".

ב. דער ביאור אין דעם: אין אַ פריערדיקן פסוק[5] שטייט „והר סיני עשן כולו מפני אשר ירד עליו ה' באש" — אַז דער באַרג האָט (נאָר) גערויכערט, אָבער ניט אַז דער באַרג (און וואָס געפינט זיך אויף אים) האָט געברענט — ולכאורה: אויב דער „אש" — „ירד עליו ממש", האָט דאָך דער הר געדאַרפט ברענען[6] [ובפרט די געוויקסן כו' וואָס געפינען זיך אויף אים — ווי עס שטייט

---

1) פרשתנו יט, כ.

2) פרשתנו כ, יט.

3) וכפרש"י בענין זה עצמו — בכתוב השני (הובא לקמן בפנים).

4) במשכיל לדוד (וראה גם רע"ב) כתב, דבפירשו „מלמד שהרכין כו'" מתרץ רש"י משנ"נ „אל ראש ההר" (עיי"ש) — אבל מזה שרש"י לא העתיק תיבות אלו („אל ראש ההר") בהדבור המתחיל (ואפילו לא רמזן ב„וגו'"), מוכח, שבפירושו בא לפרש רק התיבות „וירד ה' על הר סיני".

5) יט, יח. ועד"ז לקמן כ, טו: ואת הלפידים גו' ואת ההר (רק) עשן גו'. ולהעיר ממשפטים כד, יז: כאש אוכלת בראש ההר. ואכ"מ.

6) וכמו בסנה שנאמר (שמות ג, ב) „הסנה בוער באש".

ואף שגם בהר סיני נאמר (ואתחנן ד, יא (הובא בפרש"י פרשתנו יט, שם ד"ה הכבשן). שם ה, כ) „וההר בוער באש גו'" — מ"מ, מכיון שנאמר כאן שההר רק „עשן", מסתבר, ד„בוער" (בנדו"ד) אין פירושו שנראית אש, כ"א שהוא חם ביותר, עשן

**בפירוש אין פסוק[7] אַז אויפן הר סיני איז געוועזן אַ סנה, ובפשטות איז דאָס ניט געוועזן דער איינציקער סנה[8] אָדער צמח אויפן הר סיני[9])?**

**מען קען זאָגן אַז דאָס וואָס דער באַרג האָט ניט געברענט נאָר געררויכערט איז געוועזן אַ נס, אָבער צוליב וואָס מאַכען ספּעציעל דעם נס?**

**ובפרט אַז** שוין פריער **באַם סנה בהר סיני — שטייט אַז ער האָט געברענט. דערפאַר איז גלאַטער צו לערנען אַז אַזוי איז עס געוועזן** ע"פ טבע: **וויבאַלד דער אש ה' איז** ניט **"ירד עליו ממש", נאָר ער איז געבליבן העכער פונעם באַרג, דעריבער האָט דער הר ניט געברענט און נאָר "עשן כולו" מצד דעם אש וואָס איז געוועזן (בלויז) נאָענט צו אים[10] [ווי דער טבע פון אש, אַז ווען עס איז גענוג נאָענט צו אַ זאַך גייט אַרויס פון דער זאַך אַן "עשן"].**

(וכיו"ב), וכמש"נ (אסתר א, יב) "וחמתו בערה". וראה רש"י בשלח טו, ח: כועס .. עלה עשן .. שריפה.

ושאני בסיפור דסנה דנאמר (**שמות שם**) שתמה ש"הסנה איננו אוכל".

7) שמות שם, א־ב.

8) ראה רמב"ן דברים א, ו.

9) ראה שמות שם: וינהג את הצאן גו' (כדי לרעות — ראה רש"י שם). ונאמר (תשא לד, ג) "אל ירעו אל מול ההר ההוא". ולהעיר מפרש"י שמות (שם, ב): ולא אילן אחר כו'.

ולהוסיף: את"ל שאין שם אילנות ועשבים רק הר של אבנים — הרי ע"פ טבע גם עשן אינו שייך*. [ואף שזה שהעשן הי' "עד לב השמים" (ראה פרש"י פרשתנו שבהערה 6) זהו לכאורה ענין ניסי — הרי אין הכרח ע"ד הפשט** להגדיל הנס ולומר שגם עצם התהוות העשן הי' שלא ע"פ טבע. ולהעיר מרד"ה וכל העם תש"ד]. וראה לקמן ע' 279 (ס"ז).

ומ"ש באוה"ח עה"פ וה"ס עשן: ששלט האש בגופו של הר ונשרפו אבניו כו' — הרי פי' עשן — שנשרפו, אינו ע"ד הפשט.

*) באלשיך כאן הקשה: "בהר סיני אין בו אילנות ועצים כי מדבר הוא ואיך יהי' עשן כולו מפני האש" (וראה גם אוה"ת פרשתנו ע' תתכט. ד"ה וה"ס עשן תרכ"ח, תרס"ב, תש"א, תש"ח. ועוד) — אבל ע"ד **הפשט** אינה קושיא כבפנים. ואולי כוונת האלשיך היא, **שהר** סיני הוא ברובו של אבנים ואין שייך לומר כ"כ "**והר** סיני עשן **כולו**" (ואבל בד"ה וה"ס תרס"ב, שלא היו בה אילנות ועצים **כלל**).

ומחוורתא לומר שמדרשות חלוקות הן וכבשמ"ר ספ"ב דלחד מ"ד הסנה הוא הפחות בכל הצומח (וכהלשון "אפילו סנה") ולחד מ"ד **הסנה** עושה קוצין ועושה ורדין ואב"מ.

**) משא"כ ע"ד הדרוש והסוד — ראה במקומות שנסמנו בשוה"ג הקודם.

- שיחת ש"פ חו"ב י"ב תמוז ה'תשל"ה - יז -

בנוגע צו דעם ביאור אין פרקי אבות:

דער ענין פון עשן ווערט דאך פון דעם בירור הדברים הגשמיים וואס ער איז מבאר אין אגה"ק אז בשעת אז מ'פארברענט א דבר גשמי, איז ג' יסודות פון אים אש רוח און מים, ווערן נתעלה למעלה וואס דאס איז דער עשן און דער יסוד העפר שבו בלייבט למטה, איז דאך פארשטאנדיק אז דער ענין פון עשן איז אז דער דבר הגשמי ווערט נתעלה וואס דא רעדט מען דאך וועגן דעם עשן פון די מערכה וואס דאס איז געווען פון די קרבנות וואס דער ענין הקרבנות איז דאך ווי ער איז מבאר אין דעם המשך ההילולא פון בעל השמחה והגאולה אז קרבנות איז דער ענין פון קירוב הכוחות והחושים, ד.ה. דער בירור און עלי' פון די דברים הגשמיים.

וואס דאס איז דאך פארבונדן דווקא מיט גשמיות למטה ווארום ווי די גמ' זאגט אין יומא אז פון דעם אש שלמעלה איז ניט געווען קיין עשן נאר דער עשן איז געווען פון דעם אש של הדיוט וואס דאס איז פארבונדן מיט גשמיות.

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

רוחניות און אויס גשמיות ווארום אויב אזוי פאסט ניט זאגן אז לא נצחה הרוח את עמוד העשן, אויב דאס איז געווארן רוחניות אויס גשמיות וואס איז דער חידוש בזה? ע"ד ווי ס'פאסט ניט זאגן אז רוח קען ניט מנצח זיין שכל, קיינער וועט דאס ניט זאגן, ווארום זיי האבן ניט קיין שייכות צווישן זיך, דאס איז גשמיות און דאס איז רוחניות און וויבאלד אז מ'זאגט לא נצחה הרוח את עמוד העשן מוז מען זאגן אז דער עשן איז ניט רוחניות נאר ער איז גשמיות עכ"פ אזוי ווי דער רוח איז און דא איז דא דער נס אז אע"פ אז דער רוח האט געדארפט מנצח זיין דעם עשן איז געווען ולא נצחה הרוח את עמוד העשן.

און ניט דער טייטש אז ס'איז ניט געווען קיין רוח אזוי ווי ס'איז דא מפרשים וואס ווילן אזוי זאגן נאר ע"ד ווי מ'זאגט בנוגע לא הזיק נחש ועקרב בירושלים אז ס'איז טאקע געווען נחש ועקרב אין ירושלים נאר ס'איז געווען אין אן אופן אז לא הזיק, בדוגמא ווי ס'וועט זיין לע"ל אז לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי עד"ז אויך דא אז ס'איז דא רוח נאר מ'זאגט אז לא נצחה הרוח את עמוד העשן.

וואס די הוראה דערפון אין עבודת האדם איז, איז דאס נוגע אין עבודת האדם בתפלה, ווארום בזמן הזה וואס ס'איז ניטא קיין קרבנות דארף זיין דער ענין פון תפלה, און מ'זאגט אז על שלשה דברים העולם עומד על התורה ועל העבודה ועל גמ"ח, וואס עבודה איז דער ענין פון עבודת הקרבנות, אבער בזמן הזה לאחר החורבן ווען ס'איז שוין ניטא קיין קרבנות און מ"מ זעהט מען אז די וועלט שטייט נאך איז דער ביאור בזה אז בזה"ז איז דאס דער ענין התפילה, איז דאס וואס די משנה זאגט דא לא נצחה הרוח, וכו' איז דאס יעצט נוגע אין עבודת כאו"א.

וואס דער ענין התפילה וויבאלד אז דאס איז דאך א נשמה בגוף איז דאס פארבונדן מיט גשמיות וואס דערפאר איז דא די באווארניש אז בשעת התפלה איז לא יקרוץ בעיניו ולא ירמוז וכו' ווארום ער איז פארבונדן מיט גשמיות, אבער לאידך איז דער ענין התפלה אז דאס איז סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה אז דורך ענין התפלה איז ער מעלה אלע ענינים זיינע למעלה.

און דאס זאגט מען אז בשעת א איד שטעלט זיך דאוונען דארף בא אים זיין דער ענין אז לא נצחה הרוח את עמוד העשן, אז די ענינים גשמיים זיינע זיינען אים ניט מבלבל צו עבודת התפלה, און ער טרעגט זיך אפ פון אלע זיינע ענינים, ווארום איצטער דאוונט ער, א שייכות צו גשמיות האט ער וואס דערפאר דארף זיין די באווארניש לא יקרוץ וכו' אבער די גשמיות שטערט אים ניט צום דאוונען.

וואס דאס איז וואס ער זאגט לא נצחה הרוח את עמוד העשן, וואס וועגן וועלכע רוח רעדט מען דא, וועגן דעם רוח פון ביהמ"ק, וואס מה דאך אז גאנץ ירושלים איז געווען איז אזא הויכע דרגא אז לא היזיק נחש ועקרב, איז דאך כאכו"כ בנוגע דעם ביהמ"ק און בפרט דער מזבח, איז דאס רוח וואס אין ביהמ"ק און אעפ"כ זאגט מען לא נצחה הרוח את עמוד העשן, עד"ז לא כיבו הגשמים אש של עצי המערכה וואס דא רעדט מען דאך אויך וועגן גשמים וואס זיינען געגאנגען אויף מזבח, ד.ה. הייליקע גשמיות כשר'ע גשמיות און אעפ"כ זאגט מען אז ס'קומט צום דאוונען שטערט דאס ניט לא נצחה הרוח את עמוד העשן (און אפי' ענינים פון תורה ומצוות שטערן אויך ניט צו עבודת התפלה?)

ויה"ר אז דורך דעם וואס מ'לערנט די ענינים פון ביהמ"ק, און בזמן הזה אין עבודת התפלה, וועט מען צו קומען צו ביהמ"ק השלישי שיבוא וירד ויתגלה דורך משיח צדקנו, וואס ער וועט זיין יקום איש מבית דוד ויבנה מקדש במקומו ויקבץ נדחי ישראל, בגאולה האמיתית והשלימה בקרוב ממש.

ברך ברכה אחרונה לאחר מנחה התחיל לנגן ניעט ניעט ...

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

ס"ט בללות הסעיף – בעי"ז בחב"ו משפטים ב' בסיומה (מצד העליון/תחתון)



**ז. דער ביאור בזה בפנימיות הענינים:**

**עס שטייט אין מדרש[62], אז בשעת מ״ת האבן זיך אויפגעטאָן צוויי ענינים: „העליונים ירדו לתחתונים״ — „וירד ה׳ על הר סיני״[63], די התגלות אלקות מלמעלה למטה; און „התחתונים יעלו לעליונים״ — „ואל משה אמר עלה אל ה׳״, עליית התחתון למעלה.**

**און דאָס איז דער חילוק צווישן די צוויי פרשיות וועגן מ״ת — פ׳ יתרו און פ׳ משפטים: אין פ׳ יתרו רעדט זיך בעיקר וועגן מ״ת ווי דאָס איז מצד „העליונים״ — „וירד ה׳ על ה״ס״, וידבר אלקים גו׳ — עשרת הדברות כו׳; בפרשתנו רעדט זיך (בעיקר) וועגן מ״ת ווי דאָס איז מצד די „תחתונים״ — „עלה אל ה׳״[64]: הקדמת נעשה לנשמע, בניית המזבח והקרבת קרבנות[65], כריתת ברית כו׳.**

---

62) שמו״ר פי״ב, ג. תנחומא וארא טו.

63) יתרו יט, כ.

64) ואף שגם בפ׳ יתרו מסופר ע״ד עליית משה אל האלקים (יט, ג. וראה שם, ח־ט (ובפרש״י שם). שם, כ) — הרי עלי׳ זו היא רק „אל האלקים״, משא״כ הענין ד„תחתונים יעלו לעליונים״ הוא העלי׳ „אל הוי׳״ דוקא (ראה ד״ה וירד ה׳ תרמ״ג בתחלתו ובסופו (ומתורץ עפ״ז קושיית המהרז״ו בשמו״ר שם). אלא ששם מפרש דברי המדרש (כפשטות לשונו) כדעת הרמב״ן כו׳ שפרשה זו נאמרה לאחרי מ״ת).

65) משא״כ בס״פ יתרו — ציווי העליון ע״ז.

**"שוה"ג להע' 40: " ראה לקו"ש ח"ו ע' 89, חי"ח ע' 242 ע"ד ב' סוגי ניסים**

אין ניסים [אויך אין די וואָס זיינען פאַרבונדן מיט יצי"מ] זיינען פאַראַן [18] צוויי סוגים:

(א) וואָס דער נס האָט משנה געווען די פריערדיקע טבע — ווי דער פאַל פון „ידו מצורעת כשלג" [19], וואו אויך לאחרי הנס, איז די האַנט געבליבן מצורעת ע"פ טבע, און בכדי זי זאָל זיין „שבה כבשרו" [20] האָט געמוזט זיין אַ צווייטער נס צו מבטל זיין די צרעת [21].

(ב) אַז די מציאות וואָס איז נתחדש געוואָרן דורכן נס איז אויך בעת מעשה געווען אַן ענין ניסי וואָס האָט ניט קיין אָרט אין טבע — ווי אין דעם פאַל פון די מים וואָס „נהפכו לדם", וואו אַפילו בשעת מעשה זיינען זיי פאַרבליבן אין דעם מהות פון מים, ניט מער וואָס מצד הנס איז בפועל (ובחיצוניות) די מים געווען דם [22] — און דעריבער, ווען דער נס איז נפסק געוואָרן, איז ממילא נתבטל געוואָרן דער שינוי המים לדם [23].

ובנוגע לעניננו, דעם נס פון קריעת ים סוף: ווען מ'זאָל לערנען אַז דורך „וישם את הים לחרבה" איז נשתנה געוואָרן דער ים, ער איז געוואָרן אַ מציאות פון „יבשה", וואָלט דאַן אויסגעקומען אַז אין דער צייט פון „וישב הים" איז ער געוואָרן אַ נייע מציאות — דעריבער זאָגט דער פסוק „וישב הים גו' לאיתנו", אַז ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין פריערדיקער שטאַרקייט [ווי רש"י זאָגט: „לאיתנו — לתקפו הראשון" [24]], ווייל אויך ווען ער איז געווען „חרבה", איז ער (בפנימיות) געבליבן — ים [25].

---

17) פרשתנו יד, כא.

18) ראה בארוכה לקו"ש ח"ה ע' 175 ואילך ובהערות שם.

19) שמות ד, ו.

20) שם, ז.

21) בדמוכח גם ממרז"ל (שבת צז, א. פרש"י עה"ת שם. וראה גם שמו"ר פ"ג, יג) מכאן שמדה טובה ממהרת לבא ממדת פורעניות.

22) ועד אשר „גיגית מלאה מים . . ישראל שותה מים והמצרי דם וכשהי' לוקח מישראל בדמים (דיקא) הי' שותה מים" (שמו"ר פ"ט, יו"ד).

23) ולכן לא מצינו שהיו צריכים להריק האגמים וכל מקוה מימיהם ובעצים ובאבנים לאחרי המכה.

24) ע"פ מ"ש בפנים, יומתק מה שרש"י מוסיף „הראשון" — אף שפירוש „לאיתנו" הוא (רק) „לתקפו" * — כי בזה מבאר החידוש שב„(וישב גו') לאיתנו", כבפנים.

25) ובמכ"ש משינוי החוזר לברייתו (שגם טרם שחזר לברייתו) לא הוה שינוי (סוכה ל, ב. ב"ק צו, ב) — אף שבכדי שיחזור לברייתו צריך פעולה.

---

*) אבל אין לומר שכוונת רש"י בהוספת תיבת „הראשון" היא לפרש מ"ש „וישב גו' לאיתנו" — שהרי (נוסף לזה שמובן היא גם בלי פירוש רש"י) רש"י מעתיק לפני פירושו רק תיבת „לאיתנו".

**ה. בפשטות וואלט מען געקענט זאגן, אז די ערשטע שאלה „אשתו של לוט מהו שתטמא" באשטייט אין דעם[28]: אשתו של לוט איז געווארן א „נציב מלח" ניט עפ"י דרך הטבע, נאר דורך א נס[29] — און אין ניסים זיינען פאראן צוויי סוגים[30]:**

**(א) אז דער נס איז מחליף דעם טבע (מציאות) פון דער זאך אויף א צווייטע — ווי אינעם פאל פון „ידו (של משה) מצורעת כשלג"[31], וואס נאכן נס איז די צרעת אויף דער האנט געווען באופן טבעי, און עס האט געמוזט קומען א צווייטער נס צו מבטל זיין די צרעת, אז ס'זאל זיין „שבה כבשרו"[32].**

**(ב) אז דאס וואס איז נתחדש געווארן דורכן נס איז ניט דורך חילוף טבעו נאר בהוספה אויפ'ן טבע בכל רגע, ע"ד ווי ס'איז געווען בא קרי"ס[33]. ועד"ז אויך ביי מכת „דם" וואס די וואסערן „נהפכו לדם", איז אפילו נאכן נס זיינען זיי פארבליבן א מציאות פון מים, און דער נס האט אויפגעטאן בכל רגע — הפיכת**

---

24) ואבר מן החי דמטמא (אהלות רפ"ב) — הרי באבר זה שפרש מן החי — בטל לא רק חיות הפרטי אלא גם כללות החיות. ופשוט. וראה נזיר נג, ב דלמדוהו מבחלל חרב. ותוד"ה כזית חולין קכט, ב.

ולהעיר מצפע"נ השלמה טו, רע"ג „אם המיתה הוה בכל אבר בפרט או בכלל כו'". מהד"ת ע, ב (ושם: המיתה צריכה שתהי' בכל הפרטים עיי"ש). רפ"ה מהל' מאכלות אסורות. ואכ"מ.

25) חולין שם במשנה. רמב"ם הל' טומאת מת פ"ב ה"י.

26) ובפרש"י שם ד"ה המדולדלין „דכי ימות כתיב" (וראה שטמ"ק שם אות ד'). וראה תוי"ט שם.

27) רמב"ם שם פ"ג ה"ט. ובכס"מ שם: ופסק כר"ל כו' (נדה כז, סע"ב). וראה ירושלמי שם פ"ג ה"ג (הובא בתוד"ה מת שם).

28) ראה חדא"ג כאן עד"ז. אלא שלדעתו טעו בזה.

29) וכן מוכח מזה שכולל אשתו של לוט עם שאר הנסים (ברכות נד, א) „על כולן צריך שיתן הודאה ושבח לפני המקום". ומ"ש שם (ע"ב) „בשלמא כולהו ניסא אלא אשתו של לוט פורענותא הוא" — אין הכוונה דלא הוי נס אלא שאין בזה נס דהצלה. וראה יל"ש בשלח (רמז רנו בסופו. יל"ש אסתר רמז תתרנו בסופו): ותבט אשתו מאחריו ועד עכשיו היא עומדת נציב מלח למה זכר עשה לנפלאותיו שיהיו הדורות מתנין שבחו של הקב"ה (וראה ב"י או"ח סרי"ח קרוב לסופו).

30) ראה לקו"ש ח"ה ע' 176 ובהערות שם. ח"ו ע' 89.

31) שמות ד, ו.

32) שם, ז. ראה צפע"נ עה"ת שמות שם. וכדמוכח ממרז"ל (שבת צז, א. פרש"י עה"ת שם. ובכ"מ) מכאן שמדה טובה ממהרת לבוא ממדת פורעניות.

33) שהי' עי"ז ש„ויולך ה' את הים ברוח קדים עזה כל הלילה" (בשלח יד, כא) „ואילו הפסיק ה' את הרוח כרגע היו המים חוזרים וניגרים במורד כדרכם וטבעם" (שער היחוד והאמונה פ"ב). וראה בארוכה לקו"ש ח"ו שם.

המים לדם [34] — און דעריבער, ווען דער נס איז נפסק געווארן, איז ממילא נתבטל געווארן די הפיכת המים לדם [35].

און דאס איז געווען דער תוכן פון זייער שאלה: „אשתו של לוט מהו שתטמא": דאס וואס איר גוף איז געווארן א נציב מלח און האט אנגעווארן צורה ותבנית פון א גוף, איז עס געווארן דורך א נס אינעם אופן הא' — דעמאלט דארף עס ניט מטמא זיין, היות אז דאס איז כלל ניט קיין תבנית פון א גוף; אדער דער נס איז געווען כאופן הב', וואס דאס מיינט אז אויך לאחר דעם וואס זי איז געווארן א נציב מלח איז זי געבליבן א מציאות פון בשר וכו' — א גוף מת — דעמאלט דארף אויף איר חל זיין טומאת מת [36].

---

34) כדמוכח גם מזה שגיגית מלאה מים „ישראל שותה מים והמצרי דם וכשהי' לוקח מישראל בדמים הי' שותה מים" (שמו"ר פ"ט, י). ולהעיר מגבורות ה' למהר"ל הקדמה שני'.

35) ולא מצינו שהיו צריכים להריק האגמים כו' לאחר המכה.

36) להעיר מתרגום ירושלמי (וירא יט, כו) : עד זמן דתיתי תחי' דייחון מתיא.

ה. ס'האט זיך גערעדט פריער, אז אין יעדער זאך, ביז אפילו אין דומם, איז פאראן א נפש, און די כוונה איז צו מגלה זיין דאס. וואס אין הלכה שפיגלט זיך דאס אפ אין דעם דין פון "בכל דרכיך דעהו", ביז עס זיינען דא כמה ענינים וועלכע מ'קען אויספירן דוקא אין דומם.

וואס אזוי זעט מען אויך אין דעם ענין פון "ושכנתי בתוכם", וואס דאס איז דאך דער עיקר תכלית, אז בשלימותו האט זיך דאס אויסגע-פירט אין ביהמ"ק, ניט אין משכן.

דער חילוק פון משכן און מקדש איז: דער משכן איז געווען עיקרו צומח, כמ"ש ועשית קרשים למשכן עצי שטים עומדים, ביז ער ווערט אנגע-רופן ע"ש הקרשים, ווייל דאס איז דער עיקר בו. אין דעם מקדש איז געווען דער עיקר דומם,

און דוקא דער מקדש איז געווען די מנוחה ונחלה, ניט ווי אין משכן וואס אויף אים שטייט מער ניט ווי ואתהלך באהל, וואס דאס גייט אויף דעם משכן וועלכער ווערט אנגערופן אהל. זאגט מען אז דארט איז נאר "ואתהלך", משא"כ דער מקדש איז די מנוחה ונחלה, והוא כנ"ל, אז דוקא אין דומם דריקט זיך אויס דער ענין מערער.

– וכידוע המשל, אז בשעה מ'וויל אויפהייבן א זאך, דארף מען אונטערלייגן די כלי המגביה אונטער די דרגא הכי תחתונה, ווארום אויב מ'וועט עס אונטערלייגן אונטער דעם צווייטן צי דעם דריטל טרעפל, וועט ער דעמאלט ניט אויפהויבן דאס וואס הינטער דעם. און אפילו דאס וואס ער וועט יא אויפהויבן, וועט דאס אויך ניט זיין בשלימות, נאר די הגבהה דארף זיין פון די דרגא הכי תחתונה, און דעמאלט הויבט מען אויף די גאנצע זאך.

דערפאר, איז דוקא פון די נידעריקסטע דרגא, דומם, געווען דער ביהמ"ק, די מנוחה ונחלה, און דארטן איז געווען גילוי אלקות, ניט קוקנדיק אויף דעם וואס השמים ושמי השמים לא יכלכלוך ואף כי הבית הזה, פונדעסטוועגן איז דארט, אין מקדש (וואס איז געמאכט גע-ווארן פון דומם) געווען גילוי אלקות, ווי עס שטייט והיו עיני ולבי שם כל הימים.

אזוי דארף אויך זיין ביי יעדערן אין זיין הנהגה: עס איז דאך פאראן דער חלק המדבר שבאדם, וואס דאס איז דער כח השכל; עס איז דא-דער חלק החי שבו, וואס דאס איז דער רגש שבלב, ווארום לפעמים איז עס ע"פ שכל ולפעמים ניט, איז דאס בדוגמא צו חי, פונקט ווי א בהמה וחי' וואס אמאל טוט זי ע"פ שכל און אמאל ניט; און בדומה דאס איז דער ענין פון מדות התחתונות; דערנאך איז דא דער חלק הדומם, וואס דאס איז דער כח המעשה, וואס דארט איז אינגאנצן ניט ניכר צי עס קומט פון רגש, צי פון שכל, צי פון אמיתית השכל. (לשלימות ענין זה – ראה שיחת ש"פ קדושים ש.ז.)

וואו פירט זיך אויס די שלימות - אין זיין דומם, אין מעשה דוקא. אעפ"י וואס רחמנא לבא בעי, און עד"ז דארף אויך זיין שכל וואס זאל אים באווארענען פון גניבה, גזילה, הסגת גבול ולשון הרע וכו׳, איז דאס אבער נאך אלץ ניט שלימות האדם,

שלימות האדם איז אין מעשה, וואס המעשה הוא העיקר, וואס דאס איז דומם, און בשעת עס איז דא מעשה, וואס דאס איז דער עיקר, דעמאלט דארפן קומען די אלע ענינים הבאים עי"ז. ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר שרייבט אין א בריוו, אז דורך מעשה וועט מען טערער פארשטיין און מער מרגיש זיין, עס וועט זיין א אידישע הארץ,

ווי עס איז געווען ביי מ"ת, אז הקדימו נעשה לנשמע, ווארום פריער דארף זיין "נעשה" און דערנאך קען קומען "נשמע", און דעמאלט איז דער "נשמע" אין א העכערן אופן. דאס הייסט, אז דורך דעם דומם ווערט אויפגעהויבן דער צומח חי ומדבר, אז זיין מוח ולב ווערן מער מסוגל אויף מער פארשטיין און לייכטער פארשטיין עניני תורה ומצות.

משא"כ אויב ער איז זיך מסתפק מער ניט ווי מיט גוטע געפילן וכו׳, דעמאלט פעלט דער עיקר.

עד"ז איז אויך ביי צדקה - וואס כל המצות ווערן אנגערופן על שם צדקה - אז אעפ"י ביי צדקה איז א ענין עיקרי דער המפייסו, פונדעסטוועגן, אויב עס וועט זיין נאר ריבורים טובים; ער וועט יענעם מיטפילן, עס וועט אבער פעלן דער ענין הצדקה בפועל - וועט דער עני זיין גוע ברעב, משא"כ אז עס וועט פעלן דער המפייסו, איז א עונש אויף דעם וועט ער האבן, ער האט אבער מחי׳ געווען א עני וב"ב.

אזוי איז אויך ביי יעדער נברא, כולל אויך דער נפה"א, וואס ער איז א נברא אויף זיין מזון וואס דאס איז תורה ומצות, אז עס דארף טאקע זיין רגש שבלב, הבנה והשגה, ובפרט עפ"י תורה הב"ד, און דארט וואו הבנה והשגה דערגרייכט ניט, פאדערט זיך אמונה, פונדעסטוועגן איז דער עיקר - מעשה המצות בפועל, שזהו בדוגמת הדומם, נאר דער דומם דארף באלעבט ווערן, ד.ה. אז די מעשה המצות זאל זיין מיט א חיות.

אזוי ווי עס איז ביים מענטשן, איז אזוי אויך דא דער דומם פון כל העולם כולו, און אויך דארט איז זיין מטרה אז עס זאל ווערן א היכל הוי׳ ומקדש לו ית׳. מ׳דארף אבער גיין מדרגא אל דרגא, מן הקל אל הכבד. ווי אזוי וועט דער דומם פון די גאנצע וועלט ווערן א דירה לו ית׳ - וועט דאס זיין ווי ער זאגט אין מדרש אז עתידה א"י שתתפשט בכל הארצות, און פאר דעם - עתידה ירושלים שתתפשט בכל ארץ ישראל.

דער אויפטו פון א"י איז, ווי ער זאגט אין חומש "ארץ אשר עיני ה"א בה מרשית השנה ועד אחרית שנה", אז אעפ"י עס איז פאראן השגחת הקב"ה בכל העולם כולו, אבער אין א"י איז עס מערער בגלוי.

דערפאר איז אין דומם של כל הארצות ניטא קיין דין פון שמיטה, משא"כ אין ארץ ישראל איז אין דומם גופא פאראן א מצוה. וואס דאס איז מצד דעם הדגשת ענין וואס ס׳איז דארט פאראן - דער עיני ה"א בה מרשית השנה ועד אחרית שנה. וואס דער ענין העיניים פועל׳ט דאך ניט אויף קיין נייע מציאות, עס קען זיין אפילו א דבר גדול, אויב ער קוקט אויף דעם זעט ער דאס, אויב אבער ער קערט אפ זיינען אויגן דערפון וועט ער דאס ניט זען, עס פועל׳ט אבער ניט קיין שינוי אין מציאות,

אזוי איז

הנחה הת׳ בלתי מוגה

אזוי איז אויך בענינינו, אז אויך בחו"ל איז פאראן די השגחה, נאר באה"י איז פאראן <u>עיני</u> ה"א בה, דארטן שטייען די ענינים בגלוי, און מ'זעט אלקות בגלוי בכל פרטי', משא"כ אין חו"ל איז דאך ארץ העמים טמא, ועאכו"כ אז דארט איז ניטא דער ענין פון ושבתה הארץ,

אויף דעם זאגט מען אז עתידה א"י שתתפשט בכל הארצות, אז אויך אין דומם פון חו"ל וועט נתגלה ווערן דער ניצוץ אלקי,

און כל זמן מ'איז ניט מגלה דעם ניצוץ וואס אין דומם, דעמאלט בלייבט עד למטה מטה ביותר, און ער איז ניט מסייע אין בכל דדכיך דעהו, ובמילא פעלט אויך אין שלימות פון חי ומדבר, ווי מ'זעט ביי א מענטשן אז ווען עס פעלן די זאכן פון דומם וואס ער דארף האבן, ווי בית, וועט עס ווירקן אויף זיין הבנה והשגה,

בשעת אבער מ'ברענגט דעם דומם צו זיין תכלית המכוון, ברענגט עס א עילוי אויך אין צומח חי און מדבר.

וואס דאס גופא וועט זיין אויפטאן בשעת עס וועט זיין דער עתידה א"י שתתפשט בכל הארצות, אז עס וועט זיין לה' הארץ ומלואה באופן גלוי, ווי עס שטייט אויף לע"ל, אז עס וועט זיין ונגלה כבוד הוי' וראו <u>כל</u> בשר יחדיו כי פי הוי' דיבר. און דאס וועט זיין ביי אלעמען, סיי אין ארץ ישראל און סיי אין חו"ל, כולל אויך דעם דומם, וכמבואר אין מאמרים פון אלטן רבי'ן און אין מאמרים פון מיטעלן רבי'ן, ווי אזוי אין יעדער זאך וועט זיך אנהערן אלקות.

<u>הנחת הת' בלהי מוגה</u>